STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02373

KOLUMBUS, ODER, DI ENTDEKUNG FUN AMERIKA

Alexander Harkavy

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאלומבוס

אָדער

דיא ענטדעקונג פון אַמעריקאַ.

פון

אלכסנדר האַרקאַווי.

פרייז, 5 סענט.

דרוק אונד פערלאג פון

דיא היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני,

83-85-87 קאנאל סטריט, ניו יארק.

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

C

42442 Au. 2,'09

HOLYOKE
PUBLIC
LIBRARY

yY 61
H 22

yH 225

קאלומבוס.

דער גרויסער וועלטטהייל אמעריקא איז ענטדעקט געווארען מיט פיער הונדערט יאהר צוריק. דער ענטדעקער איז געווען א גרויסער איטאליענישער זעע=פאהרער מיטן נאמען קריסטאפער קאלומבוס.

מיט פיער הונדערט יאהר צוריק האבען מענשען געדענקט, דאס אויסער אייראפא, אזיא און אפריקא גיבען עס מעהר קיינע וועלטטהיילען, אבוואהל עס איז שוין ביי געלעהרטע פון לאנג געווען פעסטגעשטעלט, דאס דיא ערד איז רונד וויא א קוגעל און דאס דיזע דריי וועלטטהיילען זיינען בלויז א דריטעל פון דער גאנצער ערד. לויט דיא בערעכנונגען פון דיא געלעהרטע האבען נאך געדארפט זיין אונבעקאנטע געגענדען.

אין דעם פופצעהנטען יאהרהונדערט איז פיעלע פעלקער איינג. געווארען אין אייראפא און פיעלע האנדעלסלייט און פירסטען האבען אנגעהויבען צו וואנדערן אין וויטע אונבעקאנטע לענדער צו זוכען גליק. פון אזיא האבען דיא מאהאמעדאנער אין אייראפא געבראכט אלערליי טהייערע געווירצען צום האנדעל און האבען געמאכט גלענצענדע געשעפטען. מען האט שוין צו יענער צייט אין אייראפא געוואוסט פון דעם רייכען אינדיען און פיעלע האבען געוואונשען צו זעגלען נאך דיזען וואונדערליכען לאנד, פון דאנען צו ברענגען דיא שעצבארע ארטיקלען, פיר וועלכע מען האט אין אייראפא בעצאלהט א הויכען פרייז. דעם נאמען אינדיען האט מען דאמאלס געגעבען אלע לענדער, וואס ליעגען ביי דעם אינדישען אצעאן, פון זאנזיבאר, אפריקא, ביז דעם וייטען כינא. מען האט שוין פון לאנג דיזע לענדער געקענט פון גוטע בעשרייבונגען, וויא פון דיא שילדערונגען פון דעם בעריהמטען רייזענדען מארקא פאלא; מען האט אויך גוט געוואוסט דיא ערטער פון דער אלטער וועלט פון דיא גרענצען פון קאטהאאיס, אדער כינא, ביז דער גאלד=אינזעל ציפאנגו, אדער יאפאן. אין אייראפא איז צו דיזער צייט אויך אומגעגאנגען א זאגע, דאס אין דעם וייטען אזיא געפינט זיך א קריסטליכעס קעניגרייך אונטער דער הערשאפט פון א געטליכען מאן. דיא האנדעלס שיצע פון

אינדיען האָבען אריינגעגעבען לוסט דיא האַנדעלסלייט צו וואַנדערן אום צו זוכען רייכטהום, און דיא זאַגע פֿון דעם קריסטליכען קעניגרייך האָט געצויגען דיא פֿירסטען צו מאַכען ענטדעקונגס רייזען און צו רייכען דיא האַנד זייערע ווייטע און אונבעקאַנטע ברידער, אום פֿעראייניגט מיט זיי צו קעמפֿען געגען דיא פֿערהאַסטע מאַהאָמעדאַנער. פּאָרטוגאַל איז געווען דאָס ערשטע לאַנד וואָס האָט געשטרעבט צו אַזעלכע אונטערנעהמונגען. דיא פּאָרטוגעזישע זעע־פֿאַהרער האָבען בעשלאָסען הערומצוזעגלען אַפֿריקא, צו עפֿנען הערום דאָרטען דעם וועג נאָך דעם רייכען אינדיען. מיט פֿיעל געדולד האָבען זיי פֿערפֿאָלגט זייער צוועק, ביז באַרטאָלאָמיי דיאַס האָט ענטדעקט דאָס פֿאָר־געבירגע „גוטע האָפֿנונג“ און וואַסקא דאַ גאַמאַ האַט עררייכט דעם האַפֿען פֿון קאַליקוט, אויף דער אָסט־אינדישער האַלב־אינזעל.

דיא אויפגאַבע צו געפֿינען אַ קורצען און בעקוועמען זעע־וועג נאָך אינדיען האָט שטאַרק בעשעפֿטיגט דיא געלעהרטע און דיא האַנדעלסלייט פֿון יענער צייט; און וויל דער וועג הערום אַפֿריקא איז געווען זעהר לאַנג און אונבעקוועם האָט מען אנגעהויבען צו קלערין, אויב עס איז ניטאָ קיין אַנדערער וועג אַהינצו און, קענער פֿון געאָגראַפֿיע האָבען פֿון דער רונדער געשטאַלט פֿון דער ערד אויסגעוויזען, דאָס עס קען זיין אַן אַנדערער, אַ קירצערער און אַ גלייכערער וועג נאָך אינדיען. דיעזער נייער וועג איז זיי אויסגעקומען צום וועסטען דורך דעם אַטלאַנטישען אָצעאַן. דער פֿעסטעסטער מיטהאַלטער פֿון דיעזער אויסרעכנונג איז געוועזען דער גרויסער געלערנטער זעע־פֿאהרער קריסטאָפֿער קאָלומבוס, דער העלד פֿון דיעזער לעבענס בעשרייבונג.

קריסטאָפֿער קאָלומבוס איז געבאָרען געוואָרען אין דער שטאָדט גענאָאַ, איטאַליען, אין דעם יאָהר 1435 אָדער 1436 — מען ווייס ניט גענוי. זיין פֿאטער האָט געהייסען דאָמיניקאָ קאָלאָמבאָ און זיין מוטער — סוזאַנא פֿאָנטאַנאַראָססא. זיין פֿאטער איז געוועזען אַ וואָל־וועבער פֿון קליינעם שטאַנד. קריסטאָפֿער איז געוועזען זיין עלטעסטער זוהן. דאָמיניקא האט זיין זוהן פֿריה געשיקט אין דיא אוניווערזיטעט פֿון פּאַוויא, וואו ער האט געשטודירט מאַטהעמאַטיק און נאַטור־וויסענשאַפֿט און אויך אַסטראָנאָמיע ביי צוויי בעריהמטע פּראָפֿעסאָרען. נאך דעם וויא ער האט געענדיגט זיין שטודיום אין

דער אוניווערזיטעט האט ער זיך איינינע מאנאטען בעשעפטיגט מיט זיין פאטערס ארבייט. ווען ער האט דערגרייכט דעם אלטער פון פופצעהן יאהר, האט ער בעשלאסען צו ווערען א זעע=פאהרער. מען האט איהם אויפגענומען אויף שיפען אלס לעהרלינג. ער האט זעהר פלייסיג און מוטהיג געארבייטעט. דיא גרעסטע אונאננעהמליכקייטען פון דעם זעע און דיא שטורמווינטען האבען איהם ניט אבגעשראקען. ער האט אין זיינע פערשיעדענע רייזען אלס לעהרלינג בעזוכט ענגלאנד, איסלאנד, גריעכענלאנד און נאך אנדערע לענדער. קאלאמבוס האט בעוויעזען אויפ'ן ים גרויסע העלדענטהאטען. ער האט פיר איינעם פון זיינע הערךען צוגעכאפט א ווענעציאנער שיף. זיין לעצטע רייזע אלס לעהרלינג האט ער געמאכט מיט דעם זעע=פאהרער קאלאמבא על מאצא. אלס ביי דיעזען קאפיטאן איז ענדליך אין א קריעג אויפ'ן ים ניט ווייט פון פארטוגאל צובראכען געווארען זיין שיף איז קאלאמבוס אויף א ברעט געקומען צו שווימען אין פארטוגאל.

ער האט אין דיעזען נייען לאנד זיך אבגעשטעלט און האט זיך גענומען צו לעזען דיא ווערקע פון גרויסע אסטראנאמען, פון זעע=פאהרער און רייזענדער, דארונטער אויך דיא רייזע=בעשרייבונגען פון דעם בעריהמטען מארקא פאלא. ער האט אזוי לאנג געלעזען און געלערנ ביז ער האט זעהר גוט געקענט אלעס, וואס געהערט צו זיין פאך אלס זעע=פאהרער ער האט געלערנט צו צייכנען לאנדקארטען און צו מאכען קוגלען נאך דער געשטאלט פון דער ערד. אזוי איז קאלאמבוס געווארען א פראקטישער און געלערנטער זעע=פאהרער.

אין פארטוגאל האט קאלאמבוס געהייראטהעט. זיין פרוי איז געוועזען פעליפא מוננים פערסטרעללא, דיא טאכטער פון א שיפסקאפיטאן פון דער פלאטע פון פרינץ הענריקע, דער גובערנאטאר פון דעם אינזעל פארטא סאנטא. קאלומבוס האט זיך בעזעצט אויף דיעזע אינזעל און אום זיך צו ערנעהרען האט ער געמאכט לאנדקארטען. אונטער דיעזער צייט האט ער אלץ גערעדט מיט אלטע זעע=פאהרער פון זייערע רייזען און פון דעם געהיימניס פון דעם וועסטליכען וועג נאך אזיא, פון וועלכען פיעלע געלעהרטע פאר זיין צייט האבען געטרוימט. צו דיעזער צייט איז קאלומבוס געקומען צום בעשלוס, דאס

זעהר א גרויסער טהייל פֿון דער וועלט איז נאך געבליעבן אונענטדעקט און איז אלץ ווייטער און ווייטער געקומען אויף דעם פלאן צו ערדרייכען אזויא דורך א וועסטליכען וועג אויפֿ'ן ים, וואס האט זיך ענדליך אויסגעלאזען מיט דער ענטדעקונג פֿון אמעריקא.

אין 1474 האט קאלומבוס וועגען דיעזען פלאַן ערקלעהרט זיין מיינונג דעם פלאָרענטינער דאקטאר און קענער פֿון ערד בעשרייבונג, פּאַאָלא טאָסקאַנעללי, וועלכער האט מיט איהם איינגעשטימט און האט איהם איינגעגעבען מוטה און האפֿנונג דיעזען גרויסען פלאן אויסצופֿיהרען.

אום אויסצופֿיהרען דיעזען פלאַן איז אבער נויטהיג געוועזען דיא הילפֿע פֿון א רעגיערונג און קאלומבוס האט זיך דעריבער געווענדעט צו דיא רעגיערונגען פֿון פֿערשיעדענע לענדער. ער האט זיך צום ערשטען געווענדעט צום סענאט פֿון זיין געבורטס שטאדט גענאָאַ, איטאליען. דיעזער סענאַט האט איהם אבער ענטזאגט. אלס ער האט געזעהן, אז זיין געבורטס-שטאדט וויל ניט אנערקענען זיין פלאן, האט ער זיך געווענדעט צו יאָהאַן דעם צווייטען, קעניג פֿון פארטוגאל. דיעזער קעניג האט צו דיעזער צייט שוין געהאט פערטיג א פלאן פֿיר נייע ענטדעקונגען ביי דעם אפֿריקאנישען ברעג, דאך האט ער איהם אויסגעהערט און האט איהם רעקאמאנדירט צום סענאט'ס קאמיטעט, וואס האט זיך בעשעפֿטיגט מיט אזעלכע זאכען. דער בעריכט פֿון דעם קאמיטעט איז געוועזען געגען דיעזען פלאן, אבער דער קעניג, וועלכער האט דאך געהאלטען פֿון דעם, האט אבגערעדט מיט דעם בישאף פֿון צעאוטא דיעזען פלאן אויסצופֿיהרען אין געהיים, אהן קאלומבוס'ס וויסען, אויף א קליינעם שיף. זיי האבען אוועקגעשיקט דאס שיף מאכען דיא רייזע, אבער אין א קורצע צייט האט עס זיך צוריקגעקעהרט, ווייל דיא מאטראזען האבען פֿערלארען דעם מוטה און האבען מורא געהאט צו געהן ווייטער. אלס קאלומבוס האט ערפֿאהרען דיעזע געמיינע טהאט איז ער געווען אזוי אויפֿגעבראכט אויף קעניג יאָהאַן, דאס ער האט אוועקגעשיקט זיין ברודער באַרטאָלאָמעא אין ענגלאנד מיט א בריעף צום קעניג הענרי דעם זיעבעטען, וועלכען ער האט ערקלעהרט זיין פלאן. ער איז אליין אוועק פֿון פארטוגאל אין שפאניען (אין 1484), מיטנעהמענדיג מיט זיך זיין זוהן דיעגאָ, דאס איינציגע קינד, וואס ער

האט געהאט פון פעליפא מונניס, וועלכע איז שוין ביי דיעזער צייט געוועזן טויט. ער איז אוועק פון פארטוגאל אין געהיים. דריי יאהר שפּעטער האט דער קעניג פון פארטוגאל איהם געשיקט זעהר א פריינדליכען בריעף, אין וועלכען ער האט איהם געבעטען צו קומען צוריק; אבער עס איז שוין געוועזן צו שפּעט. קאלומבוס האט זיך בעגעבען אין שפּאניען און האט צוערשט זיין פלאן פאר־געלעגט דעם הערצאג פון מעדינא סידאָניא, וועלכער איז צוערשט געוועזען איינגענומען מיט דעם פלאן, דערנאך אבער האט ער אנגעהויבען צו צווייפלען אין דעם און האט זיך ענטזאגט.

נאך דעם האט זיך קאלומבוס געווענדעט צום הערצאג פון מעדינא צעלי. דיעזער האט איהם אויפגעמונטערט, האט זיך מיט איהם אונטערהאלטען גאנצע צוויי יאהר וועגען דעם, און האט זאגאר בעשלאסען איהם צו בעזארגען מיט דריי אדער פיער שיפען. ענדליך אבער איז דערפון אויך גאר ניט געווארען, ווייל דער הערצאג האט זיך איבערלעגט, דאס דיא אונטערנעהמונג צו בע־זארגען אזא זאך איז צו גרויס פיר אן אונטערטהאן און האט קאלומבוס׳ן רעקאמאנדירט צו איזאבעללא, קעניגין פון שפאניען, וועלכע האט איהם איינ־געלאדען צו זיך אין הויף אין קארדאווא.

דאן איז אבער געוועזן א שלעכטע צייט פיר קאלומבוס׳ס פלאן. דיא שפאנישע פראווינצען קאסטיליא און לעאָן זיינען דאמאלס געוועזן אין בלוטיגען קריעג מיט דיא מאורען, און דער קעניג און דיא קעניגין פון שפאניען זיינען געוועזן צופיעל פערזארגט וועגען דער לאגע פון דעם לאנד און זיי זיינען אלזא ניט געוועזן אויפגעלעגט אויסצופיהרען נייע פלאנען. דיא קעניגין האט קאלומבוס׳ן גאנץ פריינדליך אויפגענומען און האט איהם איבערגעגעבען צו איינעם א פארנעהמען שטאאטסמאן מיט׳ן נאמען אלאנסא דע קווינטאנילללא, וועלכען קאלומבוס האט באלד געוואונען אויף זיין זייט. קאלומבוס האט מיט דער צייט געמאכט פיעלע פריינדע און האט אין קארדאווא צום צווייטען מאל געהייראטהעט. דער נאמען פון זיין צווייטער פרוי איז געוועזן בעאטריס ענריקעס. זיא האט איהם געבוירען זיין צווייטען זוהן פערנאנדאָ.

פון קארדאווא איז קאלומבוס נאכגעגאנגען דעם קעניגליכען הויף אין סאלאמאנקא, וואו מען האט איהם פארגעשטעלט פאר דעם גרויסען קארדינאל

פֿעדרא גאנסאַלעס דע מענדאָזא, וועלכען מען האט גערופֿען „דער דריטער קעניג פֿון שפאניען,“ וויל ער האט געשפּיעלט זעהר א גרויסע ראָלע. קאלומבוס האט דעם קארדינאל געוואונען אויף זיין זייט און דורך זיין איינפֿלוס האט קאלומבוס ענדליך געהאט אן אודיענץ ביים קעניג. דיא זאך איז ענדליך איבערגעגעבען געווארען צו איינעם פֿערנאַנדאָ דע טאַלאַווערא, וועלכער האט אין דעם יאהר 1487 צוזאמענגערופֿען א פערזאמלונג פֿון שטערן־קענער און פֿון געאָגראַפֿען צו עקזאַמענירען זיין פלאַן און אויסצוהערען זיינע בעווייזע. דיא שיעד־ריכטער זיינען מייסטענס געוועזען גייסטליכע. קאלומבוס האט געגעבען זיינע וויסענשאפֿטליכע בעווייזע. און דיא גייסטליכע האבען איהם פֿערשאטען מיט פסוקים פֿון דער ביבעל (תנ״ך), מיט שטיקלעך פֿון זייערע רעליגיאָנס ביכער, וועלכע האבען געדייטעט פֿערקעהרט, וואס ער האט זיי בעוויזען. נאך דיעזע וויכוחים איז דיא פֿערזאמלונג אבגעלעגט געווארען אויף אן אנדער צייט. אין 1489 איז קאלומבוס, וועלכער איז נאכגעפֿאהרען דעם קעניגליכען הויף פֿון אָרט צו אָרט, געוועזען ביי דער בעלאגערונג פֿון מאַלאַגא. אין 1490 האט דיא פֿערזאמלונג פֿון דיא געלעהרטע גייסטליכע ערקלערט, דאס קאלומבוס׳ס פלאַן איז אונפראקטיש און דאס עס פאַסט גאר ניט פֿאר זיי מיט דעם צו האבען צו טהאן.

קאלומבוס איז יעצט געוועזען אין א פֿערצווייפעלטער לאגע. ער האט זיך גלייך בעגעבען אין הועלווא, וואו זיין שוואגער האט געוואוינט, פֿון דארטען צו פֿאהרען מיטן שיף אין פֿראנקרייך. ער איז אבער צוריקגעבליעבען אין פּאַלאָס, א קליינע האַפֿענשטאדט אין אַנדאלוזיא (שפּאַניען). נאָהענט פֿון דער האַפֿענשטאדט פּאַלאָס געפֿינט זיך אויף א בערגעל דער אלטער פראנציס־קאַנער קלויסטער לאַ ראַבידא. אין דיא טהויערן פֿון דיעזען קלויסטער האט קאלומבוס אין 1491 אנגעקלאפט און געבעטען ברויט פֿיר זיך און פֿיר זיין קינד דיעגאָ. אין דיעזען מאנאסטיר האט ער באלד פֿערבונדען א געשפּרעך מיט דעם אויפֿזעהער חואַן פערעס דע מאַרטשענאַ, וועלכער האט איהם פֿער־בעטען איינצושטעהן אין קלויסטער און האט איהם פארגעשטעלט פֿאר גארציע פֿערנאנדעס, וועלכער איז געוועזען אן אַרצט און א גרויסער קענער פֿון געאגראפיע. דיעזע גוטע מענשען האט קאלומבוס ערקלעהרט זיין פלאַן. חואַן

פֿערעס אין געוועזען דער גייסטליכער פֿון דער קעניגין. ער האט איהר געשריעבען א בריעף און זיא האט איהם גערופֿען צו זיך אין הויף און נאכדעם געשיקט געלד קאלומבוס'ן נאך א מאל צו ברענגען אין קעניגליכען הויף. קאלומבוס איז גערעדע אנגעקומען אין גראַנאדא צו דער צייט, ווען דיעזע שטאדט האט זיך אונטערגעגעבען צו דיא שפאניער. קאלומבוס איז געוועזען זיכער, אז זיין פלאן וועט איהם געלינגען, און ער איז בעשטאנען אויף גרויסע בעדינגונגען. ער האט פֿערלאנגט, דאס מען זאל איהם גלייך געבען דעם טיטול „אדמיראל" און דאס מען זאל איהם מאכען פֿיר וויצע־קעניג פֿון אלע לענדער, וועלכע ער וועט ענטדעקען, און א צעהנטען טהייל פֿון דיא פראפֿיטען פון האנדעל, וואס מען וועט מיט דיא ניי־ענטדעקטע לענדער מאכען. אויף דיעזע בעדינגונגען איז דיא רעגיערונג ניט איינגעגאנגען און דיא אונטערהאנדלונגען זיינען איבער־א־נייז אונטערגעבראכען געווארען, און אין יאנואר 1492 האט קאלומבוס שוין געהאט הערויסגעפֿאהרען אין פֿראנקרייך, דארטען צו זוכען, וואס ער האט אין שפאניען ניט געפֿונען. ענדליך האט קעניגין איזאבעללא, אויף דער ביטע פֿון א הויכען בעאמטען פֿון לאנד, איינגעוויליגט צו שיקען אן עקספעדיציאן אויף קאלומבוס'ס בעדינגונגען. איזאבעללא איז אזוי געווען איבערגעגעבען דער זאך, דאס זיא האט בעוויליגט איהרע טהייערע ציערונג צו דיעזען צוועק. מען האט נאך קאלומבוס'ן גלייך געשיקט א שליח, וועלכער האט איהם איבער־גענומען אין וועג ניט ווייט פֿון גראנאדא. קאלומבוס האט זיך צוריקגעקערט און דעם 17טען אפריל 1492 איז אונטערגעשריעבען געווארען א קאנטראקט צווישען איהם און דיא קעניגליכע מאיעסטעטען פֿון שפאניען.

קאלומבוס האט מיט זיין רייזע אויפֿ'ן אטלאנטישען אָצעאן געמיינט צו ענטדעקען דאס רייכע לאנד אינדיען און דיא וואונדערליכע גאָלד־אינזעל ציפאַנגו.

דיא רעגירונג האט בעפֿוילען דיא שטאדט פאלאס פֿיר קאלומבוס'ן אויסצושטאטען שיפען און דיעזער בעפֿעהל איז גלייך ערפֿילט געווארען; אבער עס האבען זיך ניט געפֿונען קיין מענשען, וואס זאלען וועלען מיט קאלומבוס'ן מיטפֿאהרען אלס מאטראזען; אפֿילו פֿערברעכער, וועלכע דיא רעגיע־רונג האט געוואלט דאפֿיר בעגנאדיגען, האבען זיך אויך ענטזאגט. ענדליך האבען

זיך דאך געפונען מענשען. דיא עקספעדיציאָן איז בעשטאנען פון איין גרויסען און פון צוויי קלענערע שיפען. דאס גרויסע שיף, וואס האט געטראגען דעם נאמען „סאַנטא מאַריא“, איז געוועזען בעזעצט 50 מאַן, מיט קאלומבוס'ן אלס ארמיראל; דאס צווייטע שיף, וועלכעס האט געהייסען „פינטא“, איז געוועזען בעזעצט מיט 30 מאַן אונטער דער לייטונג פון מאַרטין פינצאָן; דאס דריטע, מיט דעם נאָמען „ניניאַ“, איז געוועזען בעזעצט מיט 24 מאן מיט ווינצענט יאַניעס פינצאן אלס קאפיטאן. פרייטאָג דעם דריטען אויגוסט 1492, אַכט אוהר אין דער פריה, האבען דיעזע דריי שיפען אבגעזעגעלט פון האַפען. ווען דיא שיפען זיינען אבגעגאנגען פון ברעג האבען זיך געהערט געוויינען און קלעגערייען פון פיעלע וואס זיינען געשטאַנען ביים האַפען; דאס האבען געקלאגט דיא עלטערן און דיא פערוואַנדטע פון דיא מאַטראָזען, וועלכע האבען גערעכענט, דאס זיי וועלען זיך שוין מעהר ניט זעהן מיט זייערע געליעבטע קינדער אדער פערוואַנדטע.

דריי טעג נאך דעם, וויא דיא שיפען זיינען הערוים אין וועג, האט דיא „פינטא“ פערלאָרען איהר רודער; קאלומבוס האט זיך ערשראָקען, אבער ער האט זיך געטרייסט מיט דעם געדאנקען, דאס דער קאפיטאן פון דיעזען שיף איז געווען א העלדישער און קלוגער מענש, וועלכער וויים זיך וויא צו געבען אן עצה. זיי האבען זיך געמוזט אבשטעלען דעם 9טען אויגוסט אין דעם אָרט טענעריפפע, צו פערריכטען דאס שיף. דעם 6טען סעפטעמבער האבען זיי פאָרט־געזעצט זייער רייזע; זיי האבען זייערע שיפען געטריבען אזוי שנעל, וויא זיי האבען געקענט, ווייל קאלומבוס האט ערפאַהרען, דאס פאָרטוגאַל האט הערויסגעשיקט דריי שיפען זיי נאכצויאגען אום צו פערהינדערן זיין געפלאַנטע רייזע. זיי האבען געהאט שטורם־ווינטען און דעם 16טען פון דעמזעלבען מאָנאַט זיינען זיי אנגעקומען אויף אן אָרט, וואו דער ים איז געווען בעוואקסען מיט היבע גראָזען; פון דיעזער צייט אָן האבען זיי געהאט זאַנפטע ווינטען און שעהנע טעג. דיא מאַטראָזען, וועלכע האבען געפירכטעט, דאס זיי געהן אויף אן אונענדליכען וועג, האבען דעם 17טען פון דיעזען מאָנאַט זיך אנגעהויבען צו בעקלאגען, נור קאָלומבוס האט זיי בערוהיגט. ווען זיי זיינען געפאהרען נאך א טאָג און נאך אַ טאָג און זיי האבען אלץ קיין לאַנד ניט געזעהן, זיינען זיי

הערויס פון געדולד און האבען אנגעהויבען צו בונטעווען געגען קאלומבוסן און האבען איהם געוואלט הערייגוואַרפען אין ים. קאלומבוס האט זיי אבער מיט זיינע קלוגע רייד און מיט זיין גוטמיטהיגקייט בערוהיגט און זיי זיינען געווארען צופריעדענער א ביסעל.

דעם 18טען האבען זיי דערזעהן פיעלע פויגלעך און זיי האבען גערעכענט, דאס זיי וועלען באלד דערזעהן לאנד, נור זיי האבען זיך געאירט. דעם 25טען האט דער קאפיטאן פון דער „פינטא“ אויסגעשריען „לאנד!“ נור ער האט געהאט אן אירטהום. דעם 7טען אקטאבער האט דיא „ניניא“ אויפגעהויבען איהר פאהן און אויסגשאסען און אויך אויסגעשריען „לאנד!“ נור זיא האט זיך אויך געאירט. דעם 11טען אקטאבער האט דיא „פינטא“ אויפגעהויבען פון וואסער א ראהר־שטאק, א שטיק האלץ, א שטעקעל בעזעצט מיט אייזען און א ברעט, און דיא „ניניא“ האט דערזעהן א ברעט בעדעקט מיט ווילדע ראזען: דערזעהנדיג דיעזע זאכען האבען דוא זעע־פאהרער זיך דערפרייט. 10 אוהר אבער פון דעמזעלבען טאג האט קאלומבוס בעמערקט פייער און פרייטאג, דעם 12טען אקטאבער, 2 אוהר אין דער פריה, האט ראדריגא דע טריאנא, א מאטראז פון דער „ניניא“ אנגעמעלדעט, דאס ער האט דערזעהן לאנד. און היינטיגעס מאל איז דאס שוין ניט געווען אן אירטהום דען ער האט ווירקליך געזעהן לאנד. דאס לאנד, וואס ער האט דערזעהן, איז געוועזען אן אינזעל, וועלכע דיא דארטיגע איינוואינער האבען גערופען „גואנאהאני“. קאלומבוס מיט זיינע מיטרייזענדע האבען מיט גרויס פרייד אויסגעשריען „לאנד!“ און זיינען דעם זעלבען מארגען הערויס פון דיא שיפען אויף דעם באדען.

קאלימבוס האט בעטראטען דאס לאנד אין דער בעגלייטונג פון דיא ברידער פינצאן, דיא קאפיטאנען פון דיא שיפען „ניניא“ און „פינטא“. דיא ברידער פינצאן האבען געטראגען פאהנען און נאך זיי זיינען געגאנגען דיא שיפסלייט. אלע האבען זיך געקניעט און געקוסט דיא ערד מיט פריידענס טרערן. קאלומבוס האט א נאמען געגעבען דיזע אינזעל „סאן סאלוואדאר“ (הייליגער רעטער) און האט מיט פאראד דאס לאנד גענומען אין בעזיץ פיר דעם קעניג און דיא קעניגין פון שפאניען. דאן זיינען דיא מאטראזען וואס האבען ווערענד דער רייזע אויפן ים געבונטעוועט געגען קאלומבוסן, איהם געפאלען צו

דיא פֿיס און געבעטען אום פֿערצייהונג. דיא איינוואינער פֿון דער ניי-ענטדעקטער אינזעל זיינען געוועזען ווילדע מענשען, מיט קופּער-רויטהע געזיכטער. זיי זיינען געגאַנגען נאַקעט און זייערע קערפּערס זיינען געווען בעמאָלט מיט פֿערשיעדענע פֿיגורען. ווען זיי האבען מיט אמאָל דערזעהן דיא שיפֿען מיט דיא ווייסע מענשען זיינען זיי געווארען ערשראָקען און ערשטוינט. זיי זיינען פֿון גרויס שרעק צולאָפֿען אין דיא וועלדער. ווען זיי האבען זיך איבערצייגט, דאס דיעזע ווילען זיי גיט טהאן קיין בייז, זיינען זיי ארויס צוריק פֿון דיא וועלדער און האבען אנגעהויבען צו-צוגעהן צו זיי. זיי האבען געגלעט דיא שפּאַניער דיא געזיכטער און זייערע קליידער, זיי האבען בעטראַכט זייערע געוועהר. קאָלומבוס האט זיי דורך צייכענס געגעבען צו פערשטעהן, דאס זיי דארפֿען ניט מורא האבען.

קאָלומבוס האט געמיינט, אז דאס ענטדעקטע לאנד איז א טהייל פֿון אינדיען און האט דעריבער דיא איינוואינער א נאמען געגעבען „אינדיאַנער". און דעריבער רופֿט מען דיא ווילדע אורשפּרינגליכע איינוואוינער פֿון אמעריקא אינדיאַנער ביז היינטיגען טאג, און יענע געגענדען, וועלכע קאָלומבוס האט געפונען — „וועסט אינדיען".

דיא אינדיאַנער האבען געטראָגען אויף זייערע העלזער און אין זייערע אויערן שטיקלאַך גאָלד. אלס דיא שפּאַניער האבען דאס דערזעהן האבען זיי ביי זיי געפרעגט, וואו זיי נעהמען דיזען שעצבאַרען מעטאל, און דיא אינדיאַנער האבען זיי אנגעוויעזען מיט דיא הענד אויף דיא זיד-זייטע פֿון סאַן סאַלוואַדאָר. קאָלומבוס האט בעשלאָסען אויפֿצוזוכען יענעם טהייל געגענד און מיטנעהמענדיג מיט זיך 7 אינדיאנער האט ער דעם 14טען אקטאָבער 1492 אבגעזעגעלט נאך יענער זייט, וואו דיא אינדיאַנער האבען איהם געצייגט. ער איז אנגעקומען אין קובאַ, און דאָרטען האבען דיא מיטגענומענע אינדיאַנער ערפֿאַהרען, דאס עס גיעבט דאָרטען אַן אָרט פֿון גאָלד.

קאָלומבוס האט נאכהער געזעגעלט ווייטער און ענטדעקט פֿערשיעדענע אינזלען, דארונטער אויך „היספּאניאָלא", וועלכע מען רופֿט אויך „האַאיטי", אדער „סאַן דאָמינגאָ".

וויא נור דיא איינוואינער פֿון האַאיטי האבען דערזעהן דיא שיפֿען און

דיא ווייסע מענשען זיינען זיי צולאָפֿען זיך בעהאלטען. איינער פֿון זיי איז אבער אונגעריכטערהייד הערײנגעפֿאַלען צו דיא שפאַניער. דיא שפאַניער האָבען איהם אבער גוט בעהאנדעלט און דאס האט זיי אומגעקעהרט צוריק זייער מוטה. זיי זיינען דאַן צוגעקומען צו דיא שיפֿען מיט לעבענסמיטעל, פֿרוכט, שטיקלאַך גאָלד און האבען דאס אויסגעטוישט ביי דיא שפאַניער אויף גלעזערנע און פֿאַרצעלייענע ארטיקלען, וועלכע זיי האבען מיטגעפֿיהרט.

גוואַנאַקאַנאַגאַרי, דער פרינץ פֿון דיא אינדיאַנער אויף דיעזער אינזעל, האט קאלומבוסן אויפֿגענומען מיט פֿערשיעדענע געשענקע פֿון גאָלד. קאָלומבוס האט פֿון איהם ערפֿאַהרען, דאס אין דער אָסט-זייטע פֿון דיזער אינזעל איז דאָ א גאָלד לאנד מיט'ן נאמען „ציבאַאָ“; דיזער נאמען האט קאָלומבוסן געקלונגען וויא „ציפאנגו“, דער נאמען פֿון דער בעריהמטער גאלד-אינזעל, וועלכען ער האט געהאלטען אין זוכען.

אבזעגלענדיג פֿון היספאַניאָלא האט דאס שיף „סאַנטא מאַריא“ געשטראַנדעט, ווייל דיא שטייערלייט זיינען געוועזען נאַכלעסיג. קיינע לעבענס זיינען דערביי פֿערלאָרען געווארען, אבער דאס שיף האט מען אויסגעלאַדען און געלאזען שטעהן, און קאלומבוס, וועלכער האט זעהר געגערט זיך צוריקצוקעהרען אין אייראפא מיט דיא פֿרעהליכע נייעס פֿון זיינע ענטדעקונגען, האט בעשלאָסען איידער ער רייזט אָפּ צו גרינדען א קאלאָניע אויף דער אינזעל, צו בויען דאָרטען א פֿעסטונג פֿון דעם מאַטעריאַל פֿון דעם געשטראַנדעטען שיף און איבערצולאזען דארטען א טהייל פֿון זיין שיפֿס-פֿאָלק. דיא פֿעסטונג איז אויפֿגעבויט געווארען און ער האט איבערגעלאָזען 43 פֿון זיינע שיפֿסלייט. דיא פֿעסטונג האט ער א נאמען געגעבען „נאָווידאַד.“

נאכדעם, וויא ער האט אלעס געבראַכט אין אָרדנונג האט קאָלומבוס דעם 16טען יאַנואַר 1493 אבגעזעגעלט מיט דעם שיף „ניניאַ“ צוריק נאך אייראפא. דער וועג איז ניט אבגעגאנגען אהן שטורם-ווינטען. דעם 18טען פֿעברואַר האט קאָלומבוס עררייכט דיא אינזעל סאַנטאַ מאַריא. דאָ האט דער פארטוגעזישער גובערנאטאָר איהם געוואלט פֿערהאַפטען, נאָר נאכדעם, וויא קאָלומבוס האט איהם איבערצייגט אין זיין גרויסער ענטדעקונג, האט יענער איהם דעם 24טען פֿעברואר געלאזען געהן, און דעם 4טען מערץ האט דיא

„ניניא" געלאַנדעט לעבען דער פּאָרטוגעזישער הויפּטשטאדט, ליסבאָן. דער קעניג פון פּאָרטוגאַל האט קאָלומבוסן אויפגענומען מיט דער גרעסטער עהרע. דעם 13טען מערץ איז דיא „ניניא" פון דאָרטען אבגעגאנגען נאך שפּאַניען און פרייטאג, דעם 15טען מערץ, איז זי אנגעקומען אין פּאַלאָס, פון וואנען קאָלומבוס איז הערויסגעפאהרען אויף זיין ענטדעקונגס רייזע נאך דעם וויטען וועסטען.

דער קעניגליכער הויף פון שפּאַניען איז דאַן געוועזען אין באַרצעלאָנא. נאכדעם וויא קאָלומבוס האט צו דעם קעניג און קעניגין געשיקט א בריעף, אין וועלכען ער האט אנגעמעלדעט זיין צוריקקעהר פון דער רייזע, איז ער אליין אהין אוועגגעפאהרען. דער קעניג און דיא קעניגין און אלע גרעסטע מאַגנאַטען פון לאנד האבען איהם עמפּפאַנגען מיט גרויס עהרע. מען האט לכבוד איהם געמאַכט א פּאַראַד. מען האט געלאָזען קלינגען אלע קירכען-גלעקער און מען האט געמאכט א פּראצעסיאָן. קאָלומבוס איז געשטאַנען אין מיטען און הערום איהם עטליכע אינדיאַנער, וועלכע האבען געטראָגען אָפענע קעסטלאַך מיט פערשיעדענע זאכען פון גאָלד און מיט פרוכטען און פלאַנצען פון דעם ניי-ענטדעקטען לאַנד. אלס קאָלומבוס איז אנגעקומען אין קעניגליכען הויף, האט ער פאר דיא קעניגליכע מאַיעסטעטען און פאַר דעם אַדעל ערצעהלט דיא געשיכטע פון זיין רייזע און האט זיי געוויעזען דיא רייכטהימער פון דער נייער וועלט — דאס גאָלד, דיא באַוועל, דיא מאָדנע געוועהר, דיא געהיימע פלאַנצען, דיא אונבעקאַנטע טהיערע און פויגלאַך, וויא אויך דיא נייע אינדיאַנער, וועלכע ער האט געבראַכט פון דאָרטען. דיא רעגירונג האט איהם געגעבען דיא פערשפּראכענע טיטלען און רעכטע. איהם מיט זיינע צוויי ברידער האט מען געגעבען דעם טיטעל „דאָן" (אדעליגער הערר). דער קעניגליכער הויף האט איהם געזוכט אנצוטהאן דיא גרעסטע עהרע און האט פיר איהם געלאָזען מאַכען א בעזאָנדערן הערב, וועלכער איז בעשטאַנען פון דעם קעניגליכען הערב צוגעהעפט צו פיער אַנקערס. נאכדעם, וויא דיא שפּאַנישע קרוין האט פייערליך ערקלעהרט אונטער איהר שוץ דיא ניי-ענטדעקטע ערטער, האט זיך קאָלומבוס פערטיג געמאכט צו א צווייטער רייזע, צו זיכערן דיא שטיקער לאַנד, וועלכע ער האט ענטדעקט און צו ענטדעקען נאך אנדערע ערטער.

דעם 25טען דעצעמבער האט קאָלומבוס צום צווייטען מאָל אבגעזעגעלט

אהין, וואו ער האט געמאכט זיין ענטדעקונג. דעם מאָל איז ער שוין געגאנגען מיט שיפען בעזעצט מיט אונגעפעהר 1500 מאַן און אנגעלאָדען מיט פיעלע טהיערע און אנדערע נעטהיגע מיטלען פיר קאָלאָניזאציאָן. ער האט דעם מאל געהאַט א גוטען וועג; ער האט ניט געהאַט קיין שטורם-ווינטען. דעם 3טען נאָוועמבער האט ער דערזעהן א נייעס שטיק לאַנד, וועלכעס ער האט א נאמען געגעבען „דאָמיניקאַ" און אין דער נאָרד-וועסט זייטע פון דער פעסטונג נאווידאַד האט ער ענטדעקט נאך עטליכע אינזלען. דעם 22טען נאוועמבער איז קאָלומבוס אנגעקומען אויף דיא אינזעל היספאַניאָלא, וועלכע ער האט ענטדעקט אויף זיין ערשטער רייזע, און אויף וועלכער עס האט זיך געפונען דיא פעסטונג נאַווידאַד, און האט צו זיין גרויסען בעדויערן געפונען דיא פעסטונג אבגעברענט און דיא איבערגעלאזענע מענשען צווייט און צושפרייט. ער האט בעשלאָסען צו בויען א נייע פעסטונג. פערציג מייל ווייט פון האַאיטי האט ער געגרינדעט דיא ערשטע שטאדט, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען צו עהרען פון דער שפאַנישער קעניגין — „איזאַבעללא".

דער קלימאַט פון נאַווידאַד איז געוועזען אן אונגעזונטער; דיא קאָלאָניסטען האבען געהאט א שטאַרקע גירדע צו גאָלד און זיינען געווען זעהר שטאָלץ און האַרטנעקיג געגען קאָלומבוסן. קאָלומבוס האט אלץ געזעגעלט ווייטער און ווייטער צום וועסטען, אויסצוגעפינען דיא רייכע געגענדען, פון וועלכע ער האט געטרוימט. ער האט שפאַניען געראַטהען צו פערפיהרען א האַנדעל מיט שקלאַפען פון דיא אינדיאַנער און ער האט געגרינדעט א גאָלד־מינע אין איינער פון דיא גאלד געגענדען. דעם 24טען אפריל 1494 האט ער צוזאַמענגערופען א ראַטה מיט זיין ברודער דיעגאָ, צו פערוואלטען דיא קאָלאָניעס און האט בעשטימט פעדראָ דע מאַרגאריטע אלס זיין הויפט-קאפיטאן און האט אבגעזעגעלט צו מאכען ווייטערע ענטדעקונגען. נאך דעם, וויא ער האט געזעגעלט עטליכע טעג ביי דעם זידליכען ברעג פון-קובא האט ער ענטדעקט דיא אינזעל יאמאַיקא, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען „סאַנטיאַגאָ". מיט קאָלומבוסן איז מיטגעפאהרען א קעניגליכער נאטאַריוס און יעדעס מאל, ווען ער האט ענטדעקט א שטיק לאנד האט דאס יענער גלייך אפפיציעל בעצייגט. קאָלומבוס איז ענדליך זעהר מיעד געווארען פון דעם הערומרייזען; ער האט

גאנצע דריי און דרייסיג מעת-לעת ניט געשלאָפען און ער איז דערפון קראַנק געווארען און הערייגנגעפאַלען אין א היהנערפלעט. ער איז ענדליך אנגעקומען אין זיין נייע שטאדט איזאַבעללא, וואו ער איז אבגעלעגען פיעלע מאנאַטען קראַנק.

דיא קאלאניע האט זיך צו יענער צייט געפונען אין א יאמערליכען צו-שטאַנד; דיא קאלאָניסטען זיינען געווען אונצופריעדען און פיעלע זיינען גע-וועזען קראנק, ווייל דער קלימאט איז געווען א שלעכטער און עס איז ניט גע-וועזען וואס צו עסען. דע מארגאריטע האט פון היספאניאלא אבגעזעגעלט צוריק נאך שפאניען, אבער פאר זיין אברייזע האט ער אנגעמאכט גרויסע צרות מיט דעם, וואס ער האט אויפגערייצט דיא אינדיאַנער. עס האט געקאסט גענוג מיה איידער מען האט דיא אינדיאנער געבראכט דערצו, אז זיי זאלען זיך פער-טראגען מיט דיא שפאַניער. קאלומבוס צוזאמען מיט זיין דרייסטען ברודער באַרטהאלאמעא האט אנגעווענדעט אלע מיטלען דיא אינדיאַנער הערונטער-צוברייגגען אונטער דער שפאנישער געוועלטיגקייט. זיי האבען געכאפט זייער א הויפטמאן און אלע איבעריגע האבען זיך אליין אונטערגעגעבען. מען האט אנגעזעצט פינף שיפען מיט אינדיאנער און אוועקגעשיקט נאך סעוויללע, שפא-ניען, צו פערקויפען אלס שקלאַפען, און אויף דיא איבערגעבליבענע אינדיאנער האט מען הערויפגעלעגט שטייער. אבער דער שפאנישער הויף, איז געוועזען אונצופריעדען מיט דיעזע טהאטען פון קאלומבוסן. פאר זיין אברייזען האט איהם איזאבעללא אויסדריקליך אנגעזאגט, דיא אינדיאנער צו בעהאנדלען פיין. אין דעם מאנאט אקטאבער פון 1495טען יאהר האבען דיא שפאנישע הויכע בעאמטע פון לאנד געבעטען דיא קעניגין איזאבעללא צו אונטערזוכען קאלומ-בוסים פערוואלטונג. קאלומבוס האט באלד בעשטימט זיין ברודער בארטאלא-מעא אלס הערשער פון דער אינזעל און דעם 10טען מערץ 1496 האט ער אבגעזעגעלט פון היספאניאלא מיט דעם שיף „ניניא". נאך א געפעהרליכע-רייזע איז ער דעם 11טען יוני אנגעקומען אין קאדיז. ער איז געווען זעהר ני-דערגעשלאגען וועגען דער אונצופרידענהייט פון דער רעגיערונג, וועלכע ער האט ערווארטעט. דער קעניג און דיא קעניגין האבען איהם אבער זעהר פיין אויפגענומען און ער האט צוריק געוואונען זיין מוטה. ער האט גלייך פערלאנגט

נאך אכט שיפֿען, צוויי מיט לעבענסמיטעל פֿיר דיא קאלאניעס און זעקס פֿיר נייע ענטדעקונגען. דיעזער וואונש זיינער איז ניט גלייך ערפֿילט געווארען, ווייל דיא שפאנישע שאץ־קאמער איז דאן געוועזן ארים. קאלומבוס׳ס טיטלען און רעכטע זיינען געבליבען ניט געריהרט, וויא פֿריהער; זיי זיינען נאך פֿערגרעסערט און פֿערמעהרט געווארען, און זיינע צוויי זיהן זיינען אויפגענו־מען געווארען אין קעניגליכען הויף אלס פּאזשען (קעניגליכע בעדיענטע).

דיא פֿארבערייטונג פֿון דיא שיפֿען פֿיר זיין דריטע רייזע איז צוגעגאנגען זעהר לאנגזאם; ערשט דעם 30טען מאי 1498 זיינען פֿיר איהם געוועזען פֿערטיג דיא זעקס שיפֿען, וועלכע ער האט פֿערלאנגט.

אויף דיעזער רייזע האט ער ענטדעקט א דריי־בערגיגען אָרט, וועלכען ער האט א נאמען געגעבען „טרינידאַד“. מיטוואך דען 1טען אויגוסט האט ער צום ערשטען מאל דערזעהן דעם פֿעסטען באָדען פֿון זיד־אמעריקא, וועלכע

האט לאנג געזוכט. דיעזעס גרויסע שטיק לאנד האט ביי איהם אויסגעזעהן א קליינע אינזעל און ער האט עס א נאמען געגעבען „זעטא“. ער האט נאכדעם ווייטער געזעגעלט און ענטדעקט נאך פֿערשיעדענע אינזלען און וואסערן.

פֿון צופֿיעל אנשטרענגונג איז קאלומבוס געווארען קראנק. זיינע שיפֿען זיינען ניט געגאנגען גוט, און דא האט ער געוואלט זיך זעהן מיט דיא קאלאניעס, וועלכע ער האט שוין אזוי לאנג ניט געזעהן. ענדליך, נאך פֿיעל מיה, איז ער דעם 30טען אויגוסט אנגעקומען אין זיין שטאדט איזאבעללא. דארטען האט ער געפֿונען גרויסע אוניארדנונג. דער פֿערוואלטער, וועלכען ער האט פֿאר זיין אברייזען פֿון דיעזער שטאדט איבערגעלאזען, האט דיא קאלאניסטען טיראניש בעהאנדעלט, און זיי זיינען מיט א געוויסען ראלדאן אן דער שפיצע אויפגעשטאנען געגען דער הערשאפֿט, און קאלומבוסן האט געקאסט פֿיעל מיה ביז ער האט זיי בערוהיגט און הערגעשטעלט ארדנונג.

א קורצע צייט פֿריהער האט קאלומבוס אוועקגעשיקט אין שפאניען פֿינף שיפֿען מיט אינדיאנער צו פֿערקויפען אלס שקלאפֿען. דיא קעניגין, וועלכע האט קאלומבוסן זעהר פֿיעל געשעצט, איז דאך געוועזען אויף איהם אויפֿגעבראכט אויף אזא אכזריות, ווייל זיא האט גרויס מיטלייד געהאט אויף דיא אינדיאנער. זיא האט געזאגט, דאס קיינער האט איהם ניט געגעבען דיא ערלויבניס איהרע נייע אונטערטהאנען אזוי גרויזאם צו בעהאנדלען, און דיא שפאנישע רעגירונג האט דעם 20טען יוני 1499 בעקאנט געמאכט, דאס דיא אינדיאנער זיינען פֿריי און האט הערויסגעגעבען א בעפֿעהל, דאס מען זאל זיי באלד צוריקשיקען נאך זייער היימאטה. אויסער דעם זיינען אויך דיא קאלאניסטען געווען אויפֿגעבראכט אויף קאלומבוסן און אויף זיינע ברידער. קעניג פֿערדינאנד, איזאבעללא'ס מאן, וועלכער איז פֿיר קאלומבוס'ן ניט זעהר שטארק געוועזען איינגענומען, האט בעשלאסען פֿון איהם אוועגצונעהמען דיא טיטלען און דיא בעזאנדערע רעכטע, וועלכע דיא שפאנישע רעגירונג האט איהם געגעבען פֿיר זיינע ענטדעקונגען. דיא רעגירונג האט דעם 21טען מערץ 1499 הערויסגעשיקט א געוויסען פראנציסקא דע באבאדיללא, אויסצוגעפֿינען דיא אונרעכטען, וועלכע זיינען פֿארגעגאנגען אין היספאניאלא, און צו בעשטראפֿען דיא פֿערברעכער. דעם 21טען מאיי האט דיא רעגירונג באבאדיללאן איבערגעגעבען דיא פֿערוואלטונג פֿון

דער אינזעל. דיא רעגירונג האט באָבאדיללאן מיטגעגעבען א בריעף צו קאלומבוס׳ן. באָבאדיללא האט אבגעזעגעלט פון שפאניען אין מאָנאט יולי 1500 און איז אנגעקומען אין היספאניאלא אין מאנאט אקטאבער.

קאלומבוס האט דערווייל אין היספאניאלא הערגעשטעלט ארדנונג. מען האט זיך דארטען זעהר פעסט גענומען צו גאָלד-מינעס און קאלומבוס האט אויסגערעכענט, דאס אין דריי יאהר הערום וועט דיא שפאנישע רעגירונג האָבען אן איינקונפט פון אונגעפעהר זעכציג מיליאן רעאַלעס ($3,000,000). ווען באבאדיללא איז אנגעקומען האט ער דארטען אנשטאט בעסערע ארדנונג געמאכט גרויסע אונארדנונגען. גלייך וויא ער האט געלאנדעט האט ער צוגענומען פיר זיך קאלומבוס׳ס הויז און האט איהם און זיינע צוויי ברידער בעפוילען זיך צו מעלדען פאר איהם. אלס זיי האבען זיך געמעלדעט האט באָבאדיללא זיי ערצעהלט צו וואס ער איז געקומען און האט זיי געזאגט, דאס זיי זיינען אנגעקלאגט פיר גרויזאמע בעהאנדלונג פון דיא איינוואוינער און פיר גרויסע אונגערעכטיגקייטען אין אלגעמיין. קאלומבוס האט ערווארטעט א שענדליכען טוידט. באָבאדיללא האט קאלומבוסן און זיינע ברידער געשמידט אין קייטען און האט זיי אבגעשיקט נאך שפאַניען.

דער קאַפיטאַן פון דעם שיף, וואס האט קאלומבוסן מיט זיינע ברידער געפיהרט אין שפאניען האט פון גרויס רעספעקט פאר קאלומבוסן געוואלט העראבנעהמען זיינע קייטען, אבער קאלומבוס האט דאס בשום אופן ניט געלאַזען. ער האט געזאגט, ער מוז טראגען דיא קייטען ביז דיא יעניגע, וואס האָבען בעפוילען איהם זיי הערויפצולייגען, וועלען אליין איהם פון זיי בעפרייען. ער האט אויך געזאגט. דאס ער וועט האלטען דיזע קייטען אלס אנדענקונג פון דער בעלוינונג, וועלכע מען גיט איהם פיר זיינע דיענסטע. אלס ער איז אנגעקומען אין שפאניען האט מען איהם גלייך בעפרייט פון זיינע קייטען און מען האט איהם אויפגענומען אין קעניגליכען הויף מיט דער גרעסטער עהרע. אלס קאלומבוס האט דער קעניגין ערצעהלט, וויא באָבאדיללא איז זיך מיט איהם בעגאנגען און וויא מען האט איהם געשמידט אין קייטען איז זיא געוועזען גערירט ביז טרערן. דער קעניג און דיא קעניגין האבען פערדאמט באָבאדיללא׳ס האנדלונגען און האבען צום מאל ניט געוואלט אונטערזוכען דיא קלאַגען,

וועלכע ער האט אויפגעהויבען געגען קאלומבוס'ן און זיינע ברידער. זיי האָבען קאלומבוס'ן פערשפראכען איהם צו פערגיטיגען פיר זיינע אונפערדיענטע בעליידיגונגען און שמערצען. באבאדיללאן האט מען הערא בגעזעצט פון גובערנאטאר-אמט אין היספאניאלא און מען האט געמאכט אן אנדערן אויף זיין ארט. קאלומבוס'ן האט מען צוריק געגעבען זיין אייגענטהום, וואס באבאדיללא האט פון איהם אוועגגענומען. די קייטען, אין וועלכע באבאדיללא האט איהם געשיקט נאך שפאניען, האט קאלומבוס אויפגעהאנגען אין זיין צימער אלס אנדענקונג, און ער האט געבעטען, דאס ווען ער וועט שטארבען זאל מען זיי הערייינלעגען אין זיין קבר.

קאלומבוס האט נאך אבער אלץ ניט גערוהט. ער האט נאך דיעזער געשיכטע בעשלאסען צו מאכען נאך א רייזע צו מאכען נייע ענטדעקונגען. די רעגירונג האט איהם אויסגעשטאטעט מיט שיפען און דעם 9טען מאי האט ער אבגעזעגעלט מיט פיער שיפען בעזעצט מיט 150 מאן.

דעם 13טען יוני האט ער ענטדעקט די אינזעל מארטיניקע. דער קעניג און די קעניגין האבען איהם אנגעזאגט, דאס ער זאל זיך אויף קיין פאל ניט אבשטעלען אין היספאניאלא, אבער ער האט געדארפט פערריכטען איינם פון זיינע שיפען און איהם איז אויסגעקומען ענטוועדער אוועגצו-ווארפען דאס שיף אדער איבערצוטרעטען דעם בעפעהל פון דער קעניגין. ער האט בערעכענט אין אזא נויטה-פאל בעסער איבערצוטרעטען דעם בעפעהל און ער האט געשיקט א שיפעל צו דעם גובערנאטאר פון היספאניאלא מיט דער ביטע איהם צו געבען א נייעס שיף און איהם צו ערלויבען הערייינצוגעהן אין האפען, איבערצו-ווארטען א שטורמווינט, וועלכען ער ערווארטעט. דער גובערנאטאר האט אבער אלעס ענטזאגט און קאלומבוס האט געזעגעלט צו אן אנדער ברעג פון דיעזער אינזעל און האט זיך דארטען אבגעשטעלט איבערצו-ווארטען דעם שטורמווינט. דער שטורמווינט האט זיינע איבעריגע שיפען הערויסגעטריבען אין מיטען ים און האט פערניכטעט איינס פון די רייכסטע שיפען, וועלכעס איז אבגעגאנגען פון היספאניאלא נאך שפאניען. באבאדיללא, קאלומבוס'ס פערפאלגער, וועלכער איז אין דיעזען שיף געגאנגען, איז אין דיעזען שטורמווינט אומגעקומען.

נאך דיעזען שרעקליכען שטורמווינט האט קאלומבוס העריבערגעזעגעלט זיינע שיפּען אין א בעקוועמען אָרט און האט זיי פּערריכטעט, און דעם 14טען יולי 1502 האט ער אבגעזעגעלט נאך יאַמייקא. 9 וואכען נאך אַנאַנד האבען זיינע שיפּען הערומגעבראָדזעט צווישען אינזלען און דיא מאטראזען האבען זיך שוין געבונטעוועט אויף איהם, נאָר צום גליק האט זיך געמאכט א גוטער ווינט. דאס ערשטע שטיקעל לאנד, וואס ער האט אויף דיעזער רייזע דערזעהן, איז געוועזען דיא אינזעל גואַנאַחא, אונגעפּעהר 40 מייל וויים פּון האָנדוראַס. דאָ האט ער פּון אן אלטען אינדיאנער ערפּאהרען, דאס צום אָסטען פּון דיעזער אינזעל געפּינט זיך א רייכער געגענד. ער האט געזעגעלט און געזעגעלט צו געפּינען דיעזע געגענד, אבער ער האט זיא ניט געפּונען. דעם 12טען סעפּ־טעמבער האט ער ענטדעקט אן אינזעל, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען גראַציאַס־אַ־דיאָס. דיא שיפּסלייט זיינען געווען אויפּגערעגט און האבען ניט געוואלט פּאלגען צו געהן ווייטער. דעם 5טען דעצעמבער האט קאלומבוס בע־שלאסען אויפּצוגעבען ווייטערע רייזען און צו פּלאַנצען א קאלאניע ביי דעם טייך ווערַאַגוא. אבער נאָר־וואס ער האט זיך געוואלט אבשטעלען און זיך נעה־מען צו דער זאַך האט איהם אנגעכאפּט א גרויסער שטורמווינט, וועלכער האט געדויערט 8 טעג און האט איהם ענדליך אוועגגעטריבען אין אן אָרט, וועלכען ער האט א נאמען געגעבען בעטהלעהעם (בית־לחם). אין דיעזען אָרט האט ער געפּונען פּיעל גאָלד און ער האט בעשלאסען דאָ צו גרינדען א קאָלאניע. ענדע מערץ 1503 זיינען שוין געווען אויפּגעשטעלט מעהרערע הייזלאך און קאלומבוס האט דא איבערגעלאזען 80 מאַן און א פּערוואַלטער און האט גע־וואלט מיט דיא איבעריגע שיפּסלייט זיך צוריקקעהרען אין שפּאַניען, צו בריינ־גען נאך מענשען און לעבענס־מיטעל פּיר דיא נייע קאלאניע. עס זיינען אבער העריינגעקומען אונאָרדנונגען צווישען דיא שפּאניער און דיא ווילדע איינוואוי־נער. דער פּערוואלטער האט געוואלט כאַפּען זייער הויפּטמאַן, אבער דאס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען. קאלומבוס האט געזעהן, דאס ער וועט דא גאר ניט מאכען האט ער אוועגגעוואָרפען דיעזע אונטערנעהמונג. דעם 31טען מאי האט ער געזעגעלט צום נאָרדען נאך קובאַ, וואו דיא איינוואוינער האבען איהם געגעבען לעבענסמיטעל. פּון קובא איז ער געגאַנגען נאך יאמייקא און נאהענט פּון דיעזען אָרט האבען זיינע שיפּען געלאנדעט. דיא בעוואוינער האבען

קאלומבוסן מיט אלע זיינע מיטפאהרער זעהר שעהן אויפגענומען און קאלומבוס איז דא פערבליבען א יאהר. ער האט געוואַרט אויף זיין לייטענאנט דיעגא מענדעס, וועלכען ער האט העריבערגעשיקט צו אָוואנדאָ, דעם גובערנאטאר פון היספאניאלא וועגען הילף. אין דיעזען יאהר האט קאלומבוס געליטען פון קראנקהייט און געהאט גרויסע אונאנגענעהמיגקייטען פון זיינע מיטפאהרער, וועלכע זיינען איהם געוועזען אונגעהארזאם, און האבען אויפגערייצט מיט זייערע פיהרונגען דיא ווילדע איינוואוינער פון דיעזען אָרט, וועלכע האבען פאר גרויס צארן שוין מעהר ניט געוואלט געבען קיין לעבענסמיטעל, ביז קאלומבוס האט דורך פערשיעדענע מיטעל אויף זיי געווירקט, אז זיי זאלען ווידער ווערען גוט צו איהם. ענדליך זיינען אנגעקומען צוויי שיפען פון היספאניאלא און קאלומבוס האט זיך מיט זיי צוריקגעקעהרט נאך שפאניען, וואו ער איז נאך א שטירמישער רייזע אנגעקומען דעם 7טען סעפטעמבער 1504.

קאלומבוס איז שוין געוועזען צו שוואך און קראנק אליין צו קומען אין קעניגליכען הויף און ער האט אהינצו געשיקט זיין זון דיעגא, צו בעזארגען זיינע אינטערעסען. ער איז ענדליך העריבערגעפאהרען אין דיא שטאדט וואלאדאליד, אין דער פראווינץ לעאָן, וואו ער האט געוואוינט ביז דעם טאג פון זיין טוידט. אין זיין צוואה האט קאלומבוס אבגעזאגט זיינע טיטלען און זיינע איינקינפטע צו זיינע יורשים. אונטער אנדערע האט ער אויך אבגעזאגט א האלבען מארק (4 אונצען) זילבער א יודען, וועלכער האט געוואוינט ביי דעם טהויער פון דעם יודישען פירטעל אין ליסאבאָן, פארטוגאל.

קאלומבוס איז געשטארבען דעם צוואנציגסטען מאיי 1506, און מען האט איהם בעערדיגט אין וואלאדאָליד, אבער מען האט זיינע ביינער פון דאנען העריבערגעפיהרט אין לא קועוואס, אין דער פראווינץ סעוויללע, וואו מען האט מיט א צייט שפעטער אויך בעערדיגט זיין זוהן דיעגא. אין 1536 האט מען קאלומבוס'ס און זיין זוהנ'ס קערפערס פון דארטען העראויסגענומען און העריבערגעפיהרט איבערן ים אין דאָס נייע לאנד, וועלכעס ער האט ענטדעקט און העריינגעלעגט אין דער קאטהעדראל-קירכע פון היספאניאלא. אין 1795, אלס דיעזע אינזעל איז העריבערגעגאנגען צו דיא פראנצויזען, האט מען זיי ווידער העראויסגענומען פון זייער גראב און מען האט זיי מיט גרויס פאראד העריבערגעפיהרט אין האוואנא, וואו זייערע ביינער ליגען נאך ביז היינטיגען טאג.

זייט גרויסע זעע־פֿאַהרער האָבען זיך אונטערגענומען צו מאַכען ענטדעקונגען פֿון לענדער האט קיינער ניט געמאכט אַזאַ גרויסע ענטדעקונג, וויא קריסטאָפֿער קאָלומבוס — אַן ענטדעקונג, וועלכע פֿערדיענט דעם לויב און דאנקבארקייט פֿון דער גאנצער מענשהייט. ביי זיין לעבען האָט מען קאָלומבוסן דיעזע פֿערדיענטע אַנערקענונג וועניג געוויעזען. ערשט לאַנג נאך דעם וויא ער איז שוין געוועזען טוידט איז זיין נאָמען געקומען צו זיין ריכטיגער גרויסקייט. פֿיעלע פֿון דיא מענשען פֿון זיין צייט האבען ניט אַנערקענט זיין ענטדעקונג, ווייל זיי האבען ניט פֿערשטאנען דעם ווערטה דערפֿון, און פֿיעלע— אוים קנאה.

עס ווערט פֿון קאָלומבוסן און פֿון זיין ענטדעקונג ערצעהלט פֿאָלגענדע געשיכטע. אַלס ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פֿון זיין ערשטער רייזע, איז ער געוואָרען איינגעלאַדען אין אַ פֿאָרנעהמע געזעלשאַפֿט. עס זיינען געוועזען פֿיעלע געסט. אַלע האבען קאָלומבוסן געגעבען קאמפּלימענטען פֿיר זיין גרויסען ערפֿאָלג, אבער אין געהיים האבען זיי איהם מקנא געוועזען און האבען געזוכט פֿיעל אדער וועניג הערויסצוגעבען וואס זיי האבען געהאַט אויפֿ'ן הערצען, און האבען אנגעהויבען זיין ענטדעקונג מיט ווייכינקעריידעלאך הערונטערצומאכען אונטער דער האַנד.

איינער פֿון דיא געסט האט זיך אבגערופֿען: „נאך אַלע זאַכען איז עס ד אָ ך ניט געוועזען אזא שווערע זאך צו ענטדעקען דאס נייע לאנד. דאס לאנד איז דאך שוין געוועזען פֿון פֿריהער; מען האט נאר גדאַרפֿט אַהינצואַוועגזעגלען אום עס צו דערזעהן“.

„גאַנץ געוויס“, האט געענטפֿערט קאָלומבוס; „געפינט זיך איינער אונטער אייך, וועלכער וויים, וויא מען קען אַוועגשטעלען אַן איי מיט איינעם פֿון דיא שפּיצען הערויב?“ און ער האט גענומען אַן איי און האט עס דערלאַנגט דעם מאן, וועלכער האט נאָר־וואָס געענדיגט ריידען.

דער מאַן האט זיך געמאַטערט און געמאטערט אַ לאנגע צייט צו שטעלען דאס איי מיט דער שמאָלער זייט הערויב, אבער עס איז געוועזען הערויסגעוואָרפֿען זיין מיה: דאס איי איז יעדעס מאל אומגעפֿאַלען. יעדערער פֿון דער געזעלשאפט האט דערנאך געפּרובירט טהאן דאס זעלביגע און קיינעם האט עס זיך ניט איינגעגעבען.

אַלס זיי האבען אַלע ערקלערט, דאס מען קען עס בשום אופן ניט טהאן, האט קאָלומבוס גענומען דאס איי, האט צוגעפּלאטשט איין שפּיץ אַן טיש און עס איז געבליבען שטעהן.

אַלס דיא געסט האבען געזעהן אויף וואס פאַר אַן אַרט קאָלומבוס האט געמאכט דאס איי זאל קענען שטעהן, האבען זיי אויסגעשריען: „אָ, דאס איז גארנישט—דאס איז גאר קיין קונץ ניט; מיר וואלטען עס אויך געקענט, ווען דוא וואלסט אונז בלויז געזאגט, וויא מיר זאלען עס טהאן!“

„כמעט דיא זעלביגע מעשה איז מיט מיין ענטדעקונג“, האט זיך אבגערופען קאלומבוס. „ווען דאָס איז געוועזען אזא גרינגע זאך, וויא איהר דענקט, טא פאַר וואס האט איהר זיך עס ניט אונטערגענומען? יעצט, נאך דעם, וויא איך האב שוין געוויזען דעם וועג, איז לייכט אַהינצו צו געהן“.—

עס ווערט פון געוויסע היסטארישע דאקומענטען (פּאַפּיערען) נאכגעוויעזען, דאס אויך יודען האבען אַנטהייל גענומען אין קאָלומבוס׳ס ענטדעקונג. עס ווערט נעמליך ערצעהלט, דאס ווען קאלומבוס האט פארגעשלאגען זיין פלאַן פאַר יאהאַנען, דעם קעניג פון פארטוגאַל, האט דער לעצטערער דיזען פלאן געוויעזען דעם יודישען געלעהרטען יוסף וועציניא, אום צו הערען זיין מיינונג. וועציניאַ האט דעם קעניג ערקלערט, דאס קאלומבוס׳ס פלאַן געפעלט איהם. דיזער יודישער געלעהרטער האט ענטדעקט אַ מין וועג־וויַיזער אויפ׳ן ים. דיזע ערפינדונג האט קאלומבוסן פיעל אויסגעהאלפען אויף זיין אונבעקאנטען וועג. עס ווערט אויך נאכגעוויעזען, דאס קאָלומבוס האט אויף זיין רייזע מיטגענומען צוויי געטויפטע יודען, וואס האבען געקענט לשון הקדש, אלס דאָלמעטשערס (טאָלמאַטשעס) צווישען איהם און דיא פעלקער, וועלכע ער וועט געפינען אין אינדיען (קאלומבוס האט געמיינט דאס דער וועג, וועלכען ער האט געוועהלט, וועט איהם פיהרען אין אינדיען). ער האט גערעכענט, דאס העבריאיש איז עהנליך צו דער אינדישער שפראך. —

דאס נייע לאַנד, וואס קאלומבוס האט ענטדעקט, האבען שפעטערדיגע צייכנער פון לאַנד־קאַרטען א נאמען געגעבען „אַמעריקא“—נאך דעם איטאליענישען קענער פון ערד־בעשרייבונג און זעעפאהרער אַמעריקוס וועספוציוס, וועלכער האט א קורצע צייט נאך קאלומבוס׳ס רייזען בעזוכט דאס נייע לאַנד און עס בעשריעבען.

פֿאַרוואס מען האט דאס ניי־ענטדעקטע לאנד ניט א נאָמען געגעבען נאך קאלומבוסן בלייבט א געשיכטליכע רעטענעס. מאנכע געשיכט־שרייבער, פֿער־עהרער פֿון אמעריקוס וועספוציוס, בעהויפטען, דאס דער לעצטער האט מיט דעם פֿערדיענסט, אז דאס לאנד זאל אנגערופֿען ווערען אויף זיין נאמען, ווייל ער האט ענטדעקט א גרעסערע טהייל יבשה אלס קאלומבוס. דא קומט אונז אבער הערויף דיא מעשה מיט קאלומבוס'ס איי — אז קאָלומבוס האט גע־עפֿענט א וועג האט וועספוציוס געקענט פֿאָהרען און דערזעהן גרעסערע שטיקער לאנד. דאס לאנד האט באמת געדארפֿט הייסען קאָלומביא ניט אמעריקא. נאָר מערקווירדיג, אבוואהל דאס לאנד טראגט וועספו־ציוס'ס נאָמען, פֿון דעסטוועגען איז דער נאָמען קאָלומבוס ביי אלע פֿעלקער פֿון דער וועלט מעהר אויף דיא ליפען אלס דער נאמען וועספוציוס! אין דער געבילדעטער וועלט איז וועספוציוס'ס נאמען הערייין אין א ווערטעל פֿון פֿער־אַכטונג: ווען איינער קריעגט אונפֿערדיענטע עהרע אדער בעלוינונג, זאגט מען, ער איז „אַן אמעריקוס וועספוציוס“.

עס וועט היער ניט זיין איבעריג צו געבען וועספוציוס'ס קורצע לעבענס בעשרייבונג.

אַמעריקוס וועספוציוס איז געבאָרען געווארען אין פלאָרענציע, איטאַליע, דעם 9טען מערץ, 1451. זיין פֿאָטער איז געוועזען אַ נאָטאַריוס. אַמעריקוס איז פֿריהער געוועזען אַן אנגעשטעלטער, אַן אַרט קאָמיסיאָנער, ביי דער גרויסער געשעפֿטס פירמע פֿון דיא פֿירסטען מעדיטשי (Medici). און דעם יאהר 1490 האט איהם דיזע פירמע געזעצט אין שפאַניען אַלס איהר אַגענט און פֿאָרשטע־הער. דאָ האט ער געמאכט בעקאַנטשאַפֿט מיט קאָלומבוסן און האט געמאכט אַ קאָנטראַקט מיט דעם שפאַנישען קעניג, פֿערדינאַנד, פֿיר איהם צו בויען צוועלף שיפֿען. שפּעטער האט ער אַליין געהאט לוסט אונטערצונעהמען אַ רייזע נאך דעם נייען לאנד און האט עס בערייזט פֿיער מאל. ער איז געווען דער ערשטער וואס האט דיזעס לאַנד בעשריעבען. —

נאך קאָלומבוסן און וועספוציוסן האבען פֿערשיעדענע לענדער געשיקט עקספעדיציאָנען אויסצוגעפֿינען נייע געגענדען, אום דאָרטען צו מאכען קאָלאָ־ניעס, וועלכע זאָלען זיי בריינגען נוצען. אזוי האבען זיך מיט דער צייט דא בעזעצט פֿראַנצויזען, האָללענדער, ענגלענדער און בירגער פֿון אנדערע פֿעלקער, וועלכע האבען דא ענטדעקט נייע געגענדען.

דיא געשיכטע פון אמעריקא נאָך קאָלומבוס'ס ענטדעקונג.

I. נאָרד-אַמעריקאַ.

1. אין דעם יאָהר 1497 האט הענרי דער זיבעטער, קעניג פֿון ענגלאַנד, הערויסגעשיקט שיפֿען אונטער דער לייטונג פֿון אַ געוויסען ווענעציאַנער דזשאָהן קאַבאָט, צו זוכען לאנד פֿיר דיא ענגלישע קרוין. קאבאט האט ענטדעקט דעם נערדליכען טהייל פֿון אמעריקא. דער ארט, וואו ער האט געלאַנדעט, איז געוועזען לאַבראַדאָר.

2. אין 1512 האט פּאָנצע דע לעאָן, אַן אַלטער שפּאַניער, צופֿעליגערווייזע ענטדעקט דעם ארט, וואס הייסט פלאָרידאַ. פֿינף יאהר שפּעטער האט נאך אַ שפּאַניער, קאָרדאָוואַ, ענטדעקט מעקסיקאָ און הערומגערייזט דיא האַלב-אינזעל יוקאַטאַן, אויף וועלכער מעקסיקאָ ליעגט.

3. אין 1524 האט פֿראַנקרייך הערויסגעשיקט דעם ווענעציאַנער ווערראַצאַני, וועלכער האט הערומגערייזט דעם אָסטליכען ברעג פֿון נאָרד-אַמעריקא און ענטדעקט מעהרערע ערטער.

4. אין 1534 האט פֿראַנקרייך הערויסגעשיקט זשאַק קאַרטיער, וועלכער האט ענטדעקט דעם טייך סענט לאָרענס, וואס פֿליסט ביי דיא ברעגען פֿון קאַנאַדאַ.

5. אין 1541 האט דער שפּאַניער דע סאָטאָ ענטדעקט דעם טייך און דיא געגענדען פֿון מיסיסיפּי.

6. אין 1603 האט דער ענגלענדער מאַרטין פּרינג הערומגערייזט דעם ארט, וואו עס ליעגט דער שטאאט מיין (Maine). מיט דריי יאהר שפּעטער האט דער ענגלישער קעניג דזשיימז דער ערשטער צוטהיילט דאס לאנד, וואס האט געהערט צו דיא ענגלענדער, אין צוויי טהיילען: נאָרד- און זיד-ווירדזשיניא. דיא ערשטע קאָלאָניע איז אין דיזע ערטער געגרינדעט געווארען אין 1607. אין 1609 האט דיא ענגלישע רעגיערונג דארטען געזעצט לארד דעלעווער אלס גובערנאַטאר, און אונטער זיין פֿערוואַלטונג האט דיא קאָלאָניע געמאכט גלענצענדע פֿארשריט.

7. אין 1620 האט זיך געגרינדעט דיא ענגלישע קאלאניע פֿון מאַסאַ־משוזעטס. דיא גרינדער פֿון דיזער קאלאניע זיינען געוועזען פוריטאַנער (אַזאַ קריסטליכע סעקטע), וועלכע האבען אויסגעוואנדערט פֿון ענגלאנד, ווייל מען העט זיי דארטען פֿערפֿאלגט פֿיר זייער אַרט פֿיהרונג און רעליגיאָן.

8. אין 1623 האט זיך געגרינדעט דיא ערשטע קאלאניע פֿון ניו העמשיר. דיא איינוואָנדערער זיינען געווען פֿון ענגלאנד. דער אָרט האט געקריגען דעם נאמען (ניו העמשיר) אין 1629. פֿון 1641 ביז 1680 איז דיזע קאלאניע גע־וועזען פֿעראייניגט מיט מאַסאַטשוזעטס; אין 1741 איז זיא געווארען אַ פּראָ־ווינץ פֿאַר־זיך.

9. אין 1633 האט זיך געגרינדעט דיא קאלאניע פֿון קאָנעטיקוט. דיא גרינדער זיינען געוועזען ענגלענדער.

10. אין 1636 האט זיך געגרינדעט דיא 1טע קאלאָניע פֿון רהאָוד איילענד. דיזע קאלאניע איז בעשטאנען פֿון מענשען, וועלכע זיינען אוועגגעלאָפֿען פֿון מאַסאטשוזעטס, ווייל מען האט זיי דארט פֿערפֿאלגט פֿיר רעליגיאנס זאכען.

11. אין 1614 האט זיך געגרינדעט דיא ערשטע קאלאניע פֿון ניו יארק, פֿון האללענדישע איינוואָנדערער. דיא גאנצע פראווינץ ניו יארק האט דאַן געטראָגען דעם נאָמען ניי נעדערלאַנד (ניי האָללאַנד) און דיא שטאדט ניו יאָרק האט דאַן געהייסען ניי אמסטערדאַם. אין 1664 האבען דיא ענגלענדער־ דיזען אָרט אוועגגענומען פֿון דיא האָללענדער און ניי נעדערלאנד איז גע־וואָרען אַן ענגלישע פראָווינץ מיטן נאָמען ניו יאָרק. דיזער נאמען איז געגע־בען געווארען צו עהרען פֿון דעם ענגלישען הערצאָג פֿון י אָ ר ק, וועלכער האט דיזע פראָווינץ געקריגען אלס א מתנה פֿון דעם קעניג. אין 1673 האבען דיא האָללענדער צוריק אבגענומען דיזע פראָווינץ פֿון דיא ענגלענדער, נאָר אין א פֿערלויף פֿון אָ יאהר און א פֿערטעל איז זיא ווידער העריבער אין דיא הענד פֿון דיא ענגלענדער.

12. אין 1682 האט א פארנעהמער ענגלענדער מיט׳ן נאמען וויללִיאַם פענן אבגעקויפט דאס שטיק לאנד, אויף וועלכען עס ליעגט דער שטאַאט ניו דזשערזי, און האט דארט׳ען בעזעצט פיעלע ענגלענדער, וועלכע האבען געהערט צו דער רעליגיעזער סעקטע קוויקערז. דיא קוויקערז האט מען אין ענג־לאנד פערפאלגט און זיי זיינען דאס געקומען אין דיא נייע וועלט צו זוכען רוהע. וויללִיאַם פענן האט זיך וועגען זיי בעמיהט, ווייל ער איז אויך געוועזען א קווייקער.

13. אין 1634 האט זיך געגרינדעט א קאלאָניע אין דעם אָרט, וועלכער טראגט דעם נאָמען מערילענד. דאס איז געוועזען א שטיק לאנד, וואס האט געהערט צו ענגלאנד און וועלכע קעניג טשאַרלז דער ערשטער האט אוועג־געגעבען דעם לארד באַלטימאָר, וואס האט דאן געזוכט אן אָרט פיר דיא קאַ־טהאָליקען, וועלכע מען האט דאן אין ענגלאנד שרעקליך פערפאלגט. מען האט דעם ארט א נאמען געגעבען מערילאַנד, אויף דעם נאָמען פון קעניג טשאַרלז׳ס פרוי, וועלכע האט געהייסען הענריעטטאַ מאַריא. מערילאנד איז געוועזען א פריוואַט־אייגענטהום ביז דער צייט פון דעם אויפשטאַנד פון דיא אמעריקאנישע קאלאניעס געגען ענגלאנד. נאך דיעזער רעוואָלוציאָן איז עס געוואָרען א געמיינשאַפטליכער שטאַאט.

14. אין 1682 האט זיך געגרינדעט דיא ערשטע ענגלישע קאלאָניע פון פעננסילוויינִיע. דער גרינדער איז געוועזען דער זעלביגער וויללִיאַם פענן, וואס האט אבגעקויפט פיר דיא קווייקערז דעם אָרט, וואו ניו דזשערזי ליעגט. פאַר דעם זיינען דא געוועזען מעהרערע קאלאָניעס פון שוועדען, אבער אָהן ערפאָלג. פענן האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין אָרענטליכקייט געגען דיא אינדיאַנער, דיא ווילדע איינוואינער פון דעם אָרט; ווען ער האט געהאַט נעטהיג לאַנד, וואס האט געהערט צו זיי, האט ער עס ניט געזוכט פון זיי אוועגצונעהמען מיט געוואַלד, נאָר געקויפט פון זיי פיר געלד. דיעזע קאלאָניע האט ערהאלטען איהר נאמען פון איהר אייגענטהימער פענן (פענן־סילווייניע). פעננסילווייניע

איז געוועזען א פּריוואַט אייגענטהום פֿון פּעננ'ס יורשים ביז דער רעוואָלוציאָן, נאך וועלכער זיא איז געווארען א געמיינשאַפֿטליכער שטאַאַט.

15. אין 1636 האבען איינוואנדערער פֿון שוועדען געגרינדעט א קאלאָ־ניע אין דעלעווער. דיא שוועדען האבען דיעזען אָרט דאַן אנגערופֿען ניי שווע־דען. דיעזע קאלאָניע האט זיך פֿעראייניגט מיט פּעננסילוויינִיע, און זיך מיט איהר גערעכענט פֿיר איין פּראָווינץ.

16. אין 1650 איז געגרינדעט געווארען דיא ערשטע קאלאָניע פֿון קע־ראָלאַיינע. דיא גרינדער זיינען געוועזען איסוואַנדערער פֿון ווירדזשיניע. אין 1729 איז דיעזע קאלאָניע פֿערקויפֿט געווארען צו דער ענגלישער רעגיערונג, וועלכע האט זיא איינגעטהיילט אין צוויי, אין נאָרד און זיד־קעראָלאַיינע. דיא פּראווינצען פֿון קעראָלאַיינע האבען געהערט צו ענגלאנד ביז דער צייט פֿון דער רעוואלוציאָן, נאך וועלכער זיי זיינען געווארען שטאַאַטען פֿאר־זיך.

17. אין 1733 האט זיך געגרינדעט דיא ערשטע קאלאָניע פֿון דזשאָר־דזשיא. דעם נאמען דזשארדזשיא האט דיעזע קאלאָניע געקריגען צו עהרען פֿון דעם ענגלישען קעניג פֿון יענער צייט, דזשאָרדזש דעם צווייטען.

18. אין 1605 האט זיך געגרינדעט דיא ערשטע פֿראנצויזישע קאָלאָניע ביי דעם סענט־לאָרענס (א טייך וואס פֿליסט ביי קאַנאדא). דער גרינדער פֿון דיעזער קאלאָניע איז געוועזען דע מאָן (De Monts), א רייכער מאַן, וועלכער איז געקומען אין דאס נייע לאַנד צו זוכען א מקום־מנוחה פֿיר דיא פֿערפֿאָלגטע הוגענאָטען (אזא פֿראנצויזישע רעליגיאָנס סעקטע). דע מאָן האט דיא קאלאָניע א נאמען געגעבען פּאָרט ראָיאַל און דעם גאנצען געגענד, וואו דיא קאלאָניע איז געלעגען,— אַקאַדיא. אין 1713 איז נאך א קריעג דיעזע קאלאָניע העריי־בערגעגאנגען צו דיא ענגלענדער און פּאָרט ראָיאַל האט צו עהרען פֿון דער דאַמאָליגער ענגלישער קעניגין — אננא — געקריגען דעם נאמען אננאַפּאָליס (אננא־פּאָליס).

19. אין 1608 איז אונטער דער לייטונג פון דעם פראנצויזען שאמפלען
געגרינדעט געווארען דיא צווייטע פראנצויזישע קאלאניע — La Franco Nouvelle
(ניי פראנקרייך), וועלכע האט שפעטער געקריגען דעם נאמען קאנאדא. דיעזע
קאלאניע איז אין 1760 נאך א קריעג העריבערגעגאנגען צו ענגלאנד.

20. אין 1699 איז געגרינדעט געווארען דיא ערשטע קאלאניע פון לוי־
איזיאנא. דיעזע פראווינץ האט געקריגען איהר נאמען צו עהרען פון דעם
פראנצויזישען קעניג לואיז דעם פערצעהנטען (לואיז־יאנא). אין 1762 איז לואיזי־
אנא העריבערגעגאנגען צו דער קרוין פון שפאניען, צו וועלכער זיא האט גע־
הערט ביז דעם יאהר 1800; דיעזעס יאהר איז זיא צוריק העריבערגעגאנגען
צו דער פראנצויזישער רעגיערונג. אין 1803 האט פראנקרייך דיעזע גרויסע
פראווינץ פערקויפט צו דיא פעראייניגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא פי־
פופצעהן מילליאן דאללערס.

II. זיד־אמעריקא.

1. אין 1500 האט דער פארטוגעזישער זעע־פאהרער קאברא ענטדעקט
ויאס לאנד בראזיליען, וועלכעס ער האט צוגעגומען פיר דיא פארטוגעזיש
קרוין. דיא פארטוגעזען האבען דא געגרינדעט קאלאניעס אונטער דער אויבער־
ריגקייט פון דער רעגיערונג פון פארטוגאל. אין 1825 איז דיעזע פראווינץ ער־
קלערט געווארען אלס אן אונאבהענגיגער שטאאט מיט אן אייגענער רעגיערונג.

2. אונגעפעהר אין 1530 האט א זעע־פאהרער, פראנציסקא פיזארר
געלאנדעט ביים וועסטליכען ברעג פון פערו, וועלכע איז דאמאלס געוועזען
רייכסטער און מעכטיגסטער ארט פון אמעריקא. פיזארא האט מערדער
בעהאנדעלט דיא דארטיגע איינוואוינער און האט דאס לאנד צוגענומען
דיא קרוין פון שפאניען. פערו איז נאך דעם געווארען דער הויפט ארט פון דער
שפאנישער רעגיערונג אין אמעריקא.

3. אין 1540 האבען פיזארא׳ס זיהן, אלמאגרא און וואלדיוויא, בעזיעגט

ראס לאנד טשילי. וואלדיוויא האט אי 1541 געבויט דיא שטאדט סאנטיאגא (הויפט־שטאדט פון טשילי).

4. אין 1499 האבען זעע־פאהרער ענטדעקט אן ארט, וועלכען זיי האבען א נאמען געגעבען ווענעצועלא, אדער קליין ווענעציע (נאך דער בעריהמטער שטאדט ווענעציע).

5. אין 1530 האט דער זעע־פאהרער סעבאסטיאן קאבאט, וועלכער איז געוועזען אין דיענסט ביי דער שפאנישער רעגיערונג, ענטדעקט דעם טייך ריא דא לא פלאטא. אויף דעם לאנד וואס ליעגט ביי דיעזען טייך האבען זיך קורץ נאך דעם געגרינדעט שפאנישע קאלאניעס אין אין 1580 האבען דיא שפאנישע קאלאניסטען געבויט דיא שטאדט בוענאס איירעס (דיא הויפטשטאדט פון דער ארגענטינער רעפובליק).

שלום.

אלע ענגלישע קאלאניעס, אפילו דיא, וואס האבען געהערט צו פריוואט פערזאנען, וויא ניו דזשערזי און פעננסילווייניע, זיינען געוועזען אונטערגעווארפען אונטער דער ענגלישער רעגיערונג. דיא ענגלישע רעגיערונג האט איהר אויבערמאכט אויסגעניצט אויף א שענדליכע ארט. אנשטאט צו זארגען פיר דאס וואהל און גליק פון דיא בעוואוינער פון דיא קאלאניעס האט זיא ביי זיי אויסגעזויגען דעם מארך פון דיא ביינער. זיא האט אויף זיי הערויפגעלעגט שרעקליך גרויסע שטייער און פיר דיא מינדסטע זאך זיי אונטערגעווארפען אונשרעקליכע שטראפען. ביי דיא קאלאניסטען האט ענדליך געפלאצט דיא געדולד און זיי האבען געגען איהר געמאכט אן אויפשטאנד. אין יאהר 1776 האבען זיי, דורך זייערע פיהרער, הערויסגעגעבען אן אפענע ערקלערונג, דאס זיי זאגען זיך אב פון דער געהארזאמקייט צום ענגלישען קעניג און, דאס זיי נעהמען דיא לייצען פון דער פערוואלטונג אין זייערע אייגענע הענד. ענגלאנד האט געענטפערט מיט קריעג, דיא קאלאניסטען האבען זיך געשטעלט געגען־ארמעען אונטער דער לייטונג פון דעם גרויסען העלד דזשארדזש וואשינגטאן. נאך א זיעבען־יעהריגען קאמפף האבען דיא קאלאניעס

קאָלומבוס.

געזיעגט און אין 1782 איז געלעגט געווארען דער פֿונדאַמענט פֿון דער גרויסער רעפּובליק פון דיא פֿעראייניגטע שטאַאטען (יונאַייטעד סטייטס) פֿון נאָרד־אמעריקא! —

פֿאַסט אלע קאלאָניעס פֿון זיד-אמעריקא האבען פֿריהער געהערט צו שפּאַניען. שפּעטערהין זיינען דיעזע פּראָווינצען אויפֿגעשטאַנען, זיך אבגעריסען פֿון שפּאַ־ניען און זיך עטאַבעלירט אלס זעלבסטשטענדיגע פֿרייע רעגיערונגען. פּערו האַט זיך דיא לעצטע אבגעריסען פֿון שפּאַניען; דאס איז געווען אין 1826. דער הויפּט־פֿיהרער אין דיעזע אויפֿשטענדע פֿון דיא זיד־אמעריקאַנישע לענדער איז געוועזן א געוויסער פֿאלקס־פֿריינד באָליוואר, פֿון וועלכען דיא זיד־אמעריקאַנישע רעפּובליק באָליוויא האט געקריעגען איהר נאמען. 9 רעפּובליקען געפֿינען זיך יעצט אויף דעם אָרט, וועלכער האט דאַן געהערט צו שפּאַניען, נעמליך: פּערו, באָליוויא, עקוואַדאָר, קאָלאָמביא, ווענעצועלא, טשילי, ארגענטינא, פּאַראגוואי און אורוגוואי.